בעזרת השם יתברך

# סיפורי מעשיות

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת שמות
כא טבת
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 13
(65)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב




שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת מִקֵּץ, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

דֶערְנָאךְ אִיז גִיוָוארִין תֵּיכֶּף טָאג. הָאבִּין זֵיי אַ קוּק גִיטָאן. הָאבִּין זֵי גִיזֶעהְן. דִי בְּהֵמוֹת זַיינֶע שְׁטֵייעֶן. אוּן דָאס פֶערְד פוּן יֶענֶעם אִיז אוֹיךְ גִישְׁטַאנֶען. זֶענֶען זֵיי אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין נָאךְ צוּ יָאגִין. דֶער נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת אוּן דֶער נָאךְ דֶעם פֶערְד. אוּן דִי בְּהֵמוֹת זֶענֶען אַנְטְלוֹיפִין וַוייטֶער אוּן עֶר יָאגְט נָאךְ וְכוּ' כַּנַּ"ל. אוּן אַזוֹי דֶער אַנְדֶערֶער יָאגְט אַלֵיין נָאךְ דָאס פֶערְד אוּן דָאס פֶערְד אַנְטְלוֹיפְט אַלֵיין בִּיז זֵיי זֶענֶען פַארְגַאנְגֶען אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערִין. אוּן אֵיינֶער פוּן דֶער אַנְדֶערִין הָאט שׁוֹין נִיט גְוואוּסְט. דֶערְוַוייל הָאט עֶר גִיפוּנֶען (דְהַיְינוּ דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט עֶס נָאךְ גִיָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת) אַ זַאק מִיט בְּרוֹיט. אוּן דָאס אִיז בְּוַודַאי זֵייעֶר חָשׁוּב אִין אַ מִדְבָּר. הָאט עֶר גִינוּמֶען דֶעם זַאק אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס. אוּן אִיז נָאךְ גִיגַאנְגֶען דִי בְּהֵמוֹת.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגִינְט אֵיין מֶענְשְׁן. הָאט עֶר זִיךְ אִין דֶער תְּחִילָּה דֶערְשְׁרָאקִין נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. הָאט עֶר אַבִּיסְל הֲנָאָה גִיהַאט. וַוייל עֶר הָאט דָא גִיפוּנֶען אֵיין מֶענְשְׁן. הָאט אִים גִיפְרֶעגְט דֶער מֶענְשׁ. ווִי קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר צוּרִיק גִיפְרֶעגְט יֶענֶעם מֶענְשְׁן. ווִי קוּמְסְטוּ אַהֶער הָאט אִים יֶענֶער מֶענְשׁ גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ (מִיט אַ לָשׁוֹן ווִי אֵיינֶער פַארְווִינְדֶערְט זִיךְ) מַיינֶע עֶלְטֶערִין. אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִינְס עֶלְטֶערִין. זֶענֶען דָא מְגוּדָּל גִיוָוארִין. אָבֶּער דוּ. ווִי קוּמְסְטוּ אַהֶער. וָוארִין אַהֶער קוּמְט גָאר קֵיין מֶענְשׁ נִיט פוּן דֶעם יִשּׁוּב. הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין. וָוארִין עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען. אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט. וָוארִין עֶר זָאגְט אַז זַיינֶע עֶלְטֶערִין זֶענֶען דָא מְגוּדָּל גִיוָוארִין. אוּן קֵיין מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם יִשּׁוּב קוּמְט גָאר אַהֶער נִיט. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְשׁ נִיט. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאט עֶר אִים גָאר נִיט גִיטָאן אוּן עֶר הָאט אִים מְקָרֵב גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְץ נִיט גִיטָאן. דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז נָאךְ גִיגַאנְגֶען נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת) אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. וָואס טוּסְטוּ דָא הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט. עֶר יָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת. הָאט זִיךְ דֶער מֶענְשׁ צוּ אִים אָנְגִירוּפְן הֶער שׁוֹין אוֹיף נָאךְ יָאגִין דַיינֶע עֲווֹנוֹת. וָוארְן דָאס אִיז גָאר קֵיין בְּהֵמוֹת נִיט. נָאר דַיינֶע עֲווֹנוֹת פִירִין עֶס דִיךְ אַזוֹי אַרוּם. גִינוּג שׁוֹין. דוּ הָאסְט שׁוֹין אָפּ גִינוּמֶען דָאס דַיינִיקֶע (כְּלוֹמַר דַיין שְׁטְרָאף הָאסְטוּ שׁוֹין אָפּ גִינוּמֶען) הַיינְט הֶער שׁוֹין אוֹיף זֵי נָאךְ צוּ יָאגִין. קוּם מִיט מִיר. וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין זַאךְ.

דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שִׁיכּוֹרְ'ן אוּן צוּ שְׁמוּץ פְּלֶעצֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן - וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס הָאט דָאס פַּאסִירְט עֶר זָאל דַארְפְן אַנְטְלוֹיפְן וְכוּ', בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד, דֶער צַדִּיק, הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: **"הֶער שׁוֹין אוֹיף נָאכְצוּיָאגְן דַיינֶע בְּהֵמוֹת, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין בְּהֵמוֹת, נָאר דַיינֶע עֲבֵירוֹת פִירְן דִיךְ אַזוֹי אַרוּם, גֶענוּג גֶעוֶוען, הֶער שׁוֹין אוֹיף, קוּם מִיט מִיר, וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ דַיין תִּיקּוּן".**

אִיז עֶר מִיט אִים גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט. מִיט אִים צוּ רֵיידִין אוּן צוּ פְרֶעגִין אִים עֶפֶּעס וָוארִין אַזוֹי אַ מֶענְשׁ. טָאמֶער עֶפְנְט עֶר אוֹיף דָאס מוֹיל און וֶועט אִים אַיינְשְׁלִינְגֶען. אִיז עֶר אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען.

## דֶרֶךְ אֶרֶץ

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן), אַז מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִּיק, דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם צַדִּיק, מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אִים, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין פוּן אִים יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגִינְט זַיין חַבֵר.

וֶועם עֶר הָאט פְרִיעֶר גֶעהַאט גֶעטְרָאפְן אוֹיפְ'ן בּוֹים.

וָואס עֶר הָאט נָאךְ גִיָאגְט דָאס פֶערְד. אוּן תֵּיכֶּף ווִי עֶר הָאט אִים דֶערְזֶעהְן. הָאט עֶר אִים תֵּיכֶּף אֵיין ווִינְק גִיטָאן. אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט אוּן זָאלְסְט מִיט אִים גָאר נִיט הַאנְדְלֶען. וָוארִין דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט.

## מוֹרָא פוּנֶעם צַדִּיק

דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר זַיין חַבֵר אַז דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד אִיז נִישְׁט סְתַּם אַ מֶענְטְשׁ, נָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר מוֹרָא הָאבְּן פוּן אִים, וַוייל דוּרְךְ דִי יִרְאָה וָואס מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם צַדִּיק, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין פוּן אִים.

אוּן אִיז תֵּיכֶּף גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִים דָאס אַיין גִירוֹימְט אִין אוֹיעֶר אַרַיין. אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְשׁ נִיט וְכוּ' (כַּנַּ"ל) דֶערְוַוייל הָאט יֶענֶער אַ קוּק גִיטָאן (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד) הָאט עֶר גִיזֶעהְן. עֶר הָאט אֵיין זַאק מִיט בְּרוֹיט אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס. הָאט עֶר אִים אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ בֶּעטִין. בְּרוּדֶער. סֶע אִיז שׁוֹין כַּמָּה טֶעג אַז אִיךְ הָאבּ נִיט גִיגֶעסִין. גִיבּ מִיר בְּרוֹיט. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. דָא אִין דֶער מִדְבָּר הֶעלְפְט קֵיין שׁוּם זַאךְ נִיט. וָוארִין מַיין לֶעבִּין אִיז בִּילְכִיר. אִיךְ בַּאדַארְף דָאס בְּרוֹיט פוּן מַיינֶעט וֶועגִין. הָאט עֶר אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ בֶּעטִין. אוּן עֶר הָאט אִים זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין וָואס אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן (נָאר אִין דֶער מִדְבָּר הֶעלְפְט בְּוַודַאי קֵיין שׁוּם גָאבּ נִיט פַאר בְּרוֹיט) הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. וָואס קָאנְסְטוּ מִיר גֶעבִּין פַאר בְּרוֹיט אִין דֶער מִדְבָּר. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד וָואס עֶר הָאט עֶס גִיבֶּעטִין דָאס בְּרוֹיט הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם מֶענְשְׁן פוּן דִי בְּהֵמוֹת וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען דֶער אֱמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ) אִיךְ גִיבּ מִיךְ אִין גַאנְצִין אַוֶועק. אִיךְ פַארְקוֹיף מִיךְ צוּ דִיר פַאר אַ קְנֶעכְט פַאר דֶעם בְּרוֹיט.

## פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן), דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזַא קַטְנוּת, אַז פַאר אַבִּיסְל בְּרוֹיט הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען זִיךְ צוּ פַארְקוֹיפְן אַלְס קְנֶעכְט אוֹיף אֵייבִּיג. דָאס קוּמְט פוּן 'קַטְנוּת הַמּוֹחִין', דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר גְרֵייט זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְקוֹיפְן אוּן אַלֶעס אַוֶועקְצוּגֶעבְן, אַבִּי צוּ הָאבְּן אַ פַּרְנָסָה.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי בְּהֵמוֹת הַנַּ"ל) קוֹיפִין אַ מֶענְטְשְׁן אִיז כְּדַאי אִים צוּ גֶעבִּין בְּרוֹיט. הָאט עֶר אִים גִיקוֹיפְט פַאר אֵייבִּיגִין קְנֶעכְט. אוּן עֶר הָאט אִים גִישְׁווָאוֹירִין מִיט שְׁבוּעוֹת. אַז עֶר זָאל

אים זיין איין אייביגער קנעכט אפילו אז זיי וועלן קומען אין יישוב אריין. און ער זאל אים געבן ברויט. דהיינו זיי זאלן ביידע עסן פון דעם זאק ברויט ביז סע וועט אויס גיין.

און זיי ביידע זענען געגאנגען אין איינעם און זענען נאך געגאנגען דעם מענטשן פון דעם וואלד. און דער קנעכט איז אים נאך געגאנגען (דהיינו דער מענטש פון דעם פערד וואס ער האט זיך פארקויפט פאר א קנעכט. איז נאך געגאנגען נאך דעם מענטשן פון די בהמות וואורין ער איז שוין זיין קנעכט געווען. און זיי ביידע זענען נאך געגאנגען דעם מענטשן פון דעם וואלד) און דערווייל איז שוין אים אביסיל גרינגער געווארין (מחמת ער האט געהאט שוין א קנעכט) אז ער האט באדארפט אויף הייבן עפעס א זאך אדער עפעס אנדערש טון. האט ער געהייסין זיין קנעכט אז ער זאל עס אים אויף הייבין אדער עפעס טון. און זיי זענען אין איינעם נאך געגאנגען דעם מענטשן פון דעם וואלד זענען זיי געקומען צו איין ארט. וואס דארט איז געווען נחשים ועקרבים (דהיינו שלענג און עקדישין) האט ער זיך זייער איבער געשראקין. און מחמת פחד האט ער געפרעגט דעם מענטשן פון דעם וואלד ווי אזוי וועלין מיר דא אריבער גיין.

## שווערע נסיונות

דער בן מלך האט זיך דערשראקן פון די שלענג און עגדיסן, ער האט געפרעגט דעם מענטש פון וואלד: "ווי אזוי וועל איך קענען אריבערגיין די שלענג?"; דאס גייט דורך אויף יעדן מענטש, די שלענג און עגדיסן - דאס איז דער 'סמ"ך מ"ם' וואס פרובירט אוועק צו רייסן דעם מענטש פונעם אייבערשטן. האט דער בן מלך געפרעגט דעם צדיק: "ווי אזוי וועל איך קענען זיך דערהאלטן איבער מיינע שווערע און ביטערע נסיונות?"

האט ער אים גיענטפערט. אלא מאי ווי אזוי וועסטו אריין אין מיין שטוב. און האט אים גוויזין זיין שטוב ווי זי שטייט אין דער לופטין.

## געפלויגן אין די לופטן

דאס איז א מורא'דיגע שטיקל, דאס איז ממש געאייגנט פאר שבת חנוכה; דא איז מרומז די מעשה וואס מען פירט זיך ביי אנשי שלומינו צו לערנען אום שבת חנוכה, דעם סיפור וואס דער רבי האט דערציילט פונעם אורח און בעל הבית (חיי מוהר"ן, סימן פה), מיר וועלן עס אם ירצה השם פארלערנען ביי שלש סעודות, די מעשה איז א מורא'דיגע מעשה, פלאי פלאים וואס עס ליגט אלץ אין די מעשה. דער רבי דערציילט ווי דער צדיק איז געפלויגן מיט'ן בעל הבית אין די לופטן, פלוצלינג זעט דער מענטש ווי ער איז אין זיין הויז, ער עסט און טרינקט, דערנאך זעט ער ווייטער ווי ער פליט אין די לופטן, דערנאך זעט ער נאכאמאל ווי ער איז אין זיין הויז, דערנאך זעט ער ווייטער ווי ער פליט אין די לופטן.

## אט אינדערהיים און אט ביים אייבערשטן...

איז מוהרא"ש דאס מסביר, דער צדיק ברענגט א מענטש צו אזא הויכע דרגה, דער מענטש זאל זיין דבוק צום אייבערשטן אפילו ווען ער איז אויסגעמישט צווישן מענטשן. דער רבי האט אזא כח צו ברענגען דעם מענטש ער זאל זיין אויסגעמישט צווישן מענטשן, מיט זיין ווייב און קינדער, מיט זיין פרנסה, אבער זיין מח איז ביים אייבערשטן, דער מח פליט אים צום אייבערשטן, אלעס איז אויפאיינמאל, אט איז ער ביים אייבערשטן און אט איז ער אינדערהיים, אט איז ער אינדערהיים און אט איז ער ביים אייבערשטן!

## מען איז אין די לופט

דאס איז מרומז דא אין די מעשה, דער צדיק ווייזט פאר'ן בן מלך אז 'זיין שטוב איז אין די לופט', מען איז אינדערהיים אבער מען פליט אין די לופטן; מען קען זיין אין שטוב, מיט די ווייב און קינדער, אבער מען איז אין די לופט, מען איז דבוק צום אייבערשטן.

זענען זיי גיגאנגען מיט אים (דהיינו מיט דעם מענטשן פון דעם וואלד) און ער האט זיי בשלום איבער גפירט. און ער האט זיי אריין גיבראכט אין זיין שטוב אריין. און האט זיי גיגעבין עסין און טרינקען. און איז אוועק גיגאנגען.

## מיט'ן מענטש פון וואלד

אז מען איז זוכה מען גייט מיט'ן מענטש פון וואלד קען מען איבער גיין אלע שווערע נסיונות. דער מענטש פון וואלד - דאס איז דער רבי וואס זאגט אונז צו גיין אין וואלד מאכן התבודדות, אז מען גייט נאך דעם רבי'ן, קען מען אריבער גיין אלע שלענג, אלע קליפות און אלע נסיונות.

## ליגט דארט אן ערקאנדישאן...

דא אין שטעטל איז דאך ממש א מחיה, וואו דו ביסט - ביסטו אין וואלד, אפילו ווען דו ביסט אין בית המדרש זעסטו פון די פענסטער דעם וואלד, די ביימער און גראז. אין שטאט איז נישט דא קיין פענסטער, און דארט וואו עס איז שוין יא דא א פענסטער ליגט דארט אן ערקאנדישאן... אז א מענטש גייט נאך דעם מענטש פון וואלד, ער גייט נאך דעם רבי'נס עצה פון התבודדות, ער רעדט צום אייבערשטן, קען ער דורכגיין די ערגסטע זאכן, אלע שלענג, אלע עגדיסן, אלע סכנות, אלע נסיונות און אלע טמאות.

## צו זיך אין שטוב

און נישט נאר דאס, נאר אז מען פאלגט דעם רבי'ן, ברענגט ער דיך אריין צו זיך אין שטוב - וואס געפונט זיך אין די לופט; אזוי ווי מיר האבן שוין געשמועסט פאריגע וואך וואס דאס מיינט, אז א הויז זאל קענען מצליח זיין, איז א זאך וואס שטייט אין די לופט, דאס איז א זאך וואס איז אוממעגליך; כדי עס זאל זיין שלום בית אין א הויז מוז מען האבן דער צדיק, דער מענטש פון וואלד, וואס לערנט אויס די עצה פון גיין אין וואלד, נאר אזוי קען מען האבן שלום בית.

## אזוי ווי א בוך באשרייבונג...

ביי מענטשן איז די גאנצע זאך פון שלום בית געווארן א זאך וואס איז געמאכט צו רעדן דערפון, א זאך וואס איז געמאכט צו מאכן געלט דערפון, עס איז געווארן א ביזנעס, אבער אין מציאות איז עס נישט דא. איך האב שוין אסאך גערעדט מיט מענטשן וואס זאגן, "עס איז נישט דא אזא זאך ווי שלום בית! מען רעדט אז מען האט זיך ליב, דאס איז בלויז א דמיון, א פאנטאזיע, א חלום, עס איז סתם אזוי ווי א בוך באשרייבונג וואס דערציילט פון צוויי מענטשן וואס האבן זיך געטראפן אין א וואלד און האבן זיך ליב געהאט איינער דעם אנדערן... עס איז נישט דא אזא זאך, קיינער האט זיך נישט ליב, ביי מיר ארבעט עס נישט, ביי מיין טאטע ארבעט עס נישט, ביי מיין שווער ארבעט עס נישט, איך וועל שוין זיכער נישט האבן קיין שלום בית!" - דאס אלעס איז טאקע ריכטיג ווילאנג מען האט נישט קיין צדיק, צו קענען לעבן אין שטוב איז א זאך וואס שטייט אין די לופט, מען קען נישט אנקומען דערצו, אבער אז מען קומט צום צדיק, ווייזט ער ווי זיין שטוב שטייט אויך אין די לופט, אבער אז מען גייט נאך דעם צדיק געבט ער דעם מענטש צו עסן און צו טרינקען, דער רבי וועט דיר געבן א וועג ווי אזוי צו האבן א חיים טובים מיט דיין ווייב און קינדער.

## א מענטש קען רעדן צום אייבערשטן?!

דער רבי האט אונז אויסגעלערנט אזא גוטע עצה ווי אזוי צו האבן א חיים טובים אויף די וועלט מיט די ווייב און קינדער, דאס איז די עצה פון '**תפלה והתבודדות**'; ביי די וועלט איז עס זייער א ווייטע זאך, מענטשן קוקן עס אן: "א מענטש קען רעדן צום אייבערשטן?!" וואס ביי אונז איז פשוט, וואס ביי אונז איז ווי לופט צום אטעמען, איז ביי אנדערע אזוי ווייט.

## אפשר בעטסטו אויך פאר מיר

ווען סתם א מענטש הערט די זאך פון תפלה, אז מען קען בעטן דעם אייבערשטן וואס מען וויל אויף די אייגענע שפראך, ער הערט

אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, "אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ גֶעהָאלְפְן", וֶועט עֶר דִיר בֶּעטְן: "אֶפְשָׁר בֶּעטְסְטוּ אוֹיךְ פַאר מִיר", עֶר כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט אַז עֶר קֶען עֶס אוֹיךְ טוּן, בַּיי אִים אִין קָאפּ אִיז בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזַא וַוייטֶע זַאךְ. וָואס אִיז? טוּ עֶס דוּ אַלֵיינְס, עֶפְן דַיין מוֹיל אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

## זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין מַיין הִתְבּוֹדְדוּת

אוּן אֲפִילוּ אִין בְּרֶסְלֶב וָואס מֶען וֵוייסְט שׁוֹין יָא פוּן דִי עֵצָה פוּן 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַ זְכִיָּה צוּ וִויסְן אַז מֶען קֶען לֶעבְּן דֶערְמִיט צוּם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, נִישְׁט נָאר בֶּעטְן אוֹיף מַדְרֵיגוֹת; מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אוּנְז דִי זַאךְ פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ דַארְפְסְט, קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין מַיין הִתְבּוֹדְדוּת. אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרַא"שׁ אַלֶע יָארְן; עֶס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען חֲבֵרִים דָא אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' וָואס הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס נַייעֶ זַאכְן, כְּאִילוּ מֶען הָאט דָא מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אַ אַנְדֶערֶע סָארְט הִתְבּוֹדְדוּת... דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט יֶעדְן לֵיל שִׁישִּׁי פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

## דָאס אִיז יֶעצְט דַיין אֱמֶת

מֶען קֶען הֶערְן מֶענְטְשְׁן מַאכְן חוֹזֶק: "אַ שָׁאד דוּ בֶּעסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף 'גַשְׁמִיּוּת', דוּ קֶענְסְט דָאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף 'רוּחָנִיּוּת'"... אָבֶּער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט; עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּ רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, צִי עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא, אִיךְ מַאךְ יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת", פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "וָואס בֶּעטְסְטוּ?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מַדְרֵיגוֹת וְכוּ'", הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "נֵיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶס בַּאדֶערְט דִיךְ, וָואס עֶס לִיגְט דִיר אִין הַארְץ, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה - זָאל דָאס זַיין דַיין הִתְבּוֹדְדוּת, דָאס זָאל זַיין דַיינֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דָאס אִיז יֶעצְט דַיין אֱמֶת"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ אַלֶע תְּפִילוֹת אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמה, יח): "**קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו**", אָבֶּער נָאךְ מֶער נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן - "**לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת**" - דִי תְּפִילוֹת וָואס אִיז מִיט אַן אֱמֶת.

## בֶּעט וָואס אִיז יֶעצְט נוֹגֵעַ

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין גַאס, אוּן עֶר בַּאקוּמְט אַן הִתְעוֹרְרוּת צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן**", יֶעצְט בֶּעט נִישְׁט: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל עֶנְדִיגְן שַׁ"ס**"... דוּ בִּיסְט דָאךְ יֶעצְט אִין גַאס, דַארְפְסְטוּ דָאךְ הָאבְּן רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ קֶענֶען הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, בֶּעט וָואס אִיז יֶעצְט נוֹגֵעַ.

## אוֹיפְ'ן קָאוּטְשׁ טוֹיט דֶעפְּרֶעסְט

בַּאלְד וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אִינְדֶערְהֵיים, דוּ וֶועסְט זִיצְן אִין סְפָרִים שְׁטוּבּ אָדֶער אוֹיפְ'ן קָאוּטְשׁ (סָאפֶע) אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלַאשְׁן, טוֹיט דֶעפְּרֶעסְט, זָאלְסְטוּ זָאגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט? אִיךְ וִויל עֶנְדִיגְן שַׁ"ס!**" אוּן גֵיי צוּם שַׁאנְק אוּן נֶעם אַרוֹיס אַ גְמָרָא, הֵייבּ אָן זָאגְן דַפִּים גְמָרָא. אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט חַתוּנָה גֶעהַאט, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס גֶעהַאט, וָואס זִיצְטוּ אוֹיפְ'ן קָאוּטְשׁ, שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף, נֶעם אַרוֹיס אַ מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען אַ דַף נָאךְ דַף, בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט דִי מַסֶּכְתָּא, דֶערְנָאךְ גֵיי וַוייטֶער צוּ נָאךְ אַ מַסֶּכְתָּא א.א.וו.

## בַּעַל חוֹב פַאר זִיךְ אַלֵיין

דָאס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, וַוייל דָאס אִיז יֶעצְט דַיין אֱמֶת"; אַז אַ אִינְגֶערְמַאן מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין פַּרְנָסָה, זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה**", "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן חוֹבוֹת**". מֶען טָאר נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכב): "**מוּטָב שֶׁיִּהְיֶה בַּעַל חוֹב לְעַצְמוֹ מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב לַאֲחֵרִים**", אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶנְדֶערְשׁ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר זִיךְ אַלֵיין וְוִי צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר אַ צְוֵוייטְן.

## בָּארְגְן גֶעלְט פַאר דִי שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר קֶען בָּארְגְן גֶעלְט כְּדֵי צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם 'שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת', הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט (אִין אַ בְּרִיוו, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת מִקֵּץ): חַס וְשָׁלוֹם! מֶען טָאר נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט פַאר דִי שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת, אַז דוּ וִוילְסְט קוּמֶען, דוּ זוּכְסְט אַ פְּלַאץ אַרוֹיסְצוּגֵיין אוֹיף שַׁבָּת וואו דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק, דוּ וִוילְסְט זַיין צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - אַז דוּ הָאסְט גֶעלְט קֶענְסְטוּ קוּמֶען, אָבֶּער אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט בָּארְגְן קַיין גֶעלְט. וְוִי אַזוֹי מֶעג מֶען הָאבְּן חוֹבוֹת? וְוִי אַזוֹי מֶעג מֶען בָּארְגְן גֶעלְט?! אֵיינְמָאל הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶעהֵייסְן בָּארְגְן גֶעלְט, כְּדֵי צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער צוּ קוּמֶען צוּם שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת - טָאר מֶען נִישְׁט בָּארְגְן.

## זִיץ בַּיי דִי לִיכְט אוּן בֶּעט

אַז דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין חוֹבוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ אִיז דָאס דַיין נְקוּדָה, דָאס אִיז יֶעצְט דַיין אֱמֶת, אוֹיף דֶעם דַארְפְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אִימֶער, סֵיי בַּיי 'פְּתִיחַת הָאָרוֹן', דֶעק זִיךְ אִיבֶּער מִיטְ'ן טַלִּית אוּן זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ חוֹבוֹת, אִיךְ וִויל בַּאצָאלְן מַיינֶע חוֹבוֹת**", אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, זִיץ בַּיי דִי לִיכְט אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַ בַּעַל חוֹב, אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן מַיינֶע חוֹבוֹת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל אַלֶעס קֶענֶען בַּאצָאלְן**".

## אַ גַנָּב מִיט וַוייסֶע זָאקְן...

אַז דוּ הָאסְט חוֹבוֹת גֵיי הֲפָצָה, נֶעם אַ פֶּעקְל קוּנְטְרֵסִים אוּן גֵיי אַרוּם בַּיי דִי הַייזֶער נָאךְ גֶעלְט, וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלֶעךְ קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת; מֶען קֶען זַיין אַ גַנָּב מִיט וַוייסֶע זָאקְן, מִיט אַ וַוייסֶע וֶועסְטְל, מִיט פֶּעפֶּעטֶע הוֹיזְן אוּן מִיט סְטְרָאקֶעס... אַ שֵׁיינֶער, זַיידֶענֶער גַנָּב... וְוִי אַזוֹי מֶעגְסְטוּ קוֹיפְן צוּפְרִי אַ קַאוֶוע אִין גְרָאסֶערִי וֶוען דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן? גַנָּב וְגַזְלָן! דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טְרִינְקֶען קַאוֶוע אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ?! וְוִי אַזוֹי מֶעגְסְטוּ קוֹיפְן אַ סֶענְדְוִויטְשׁ אִין גְרָאסֶערִי וֶוען דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן?!

## קַאוֶוע, פְּרִישְׁטָאג, סָאשִׁ"י...

מֶען קֶען זִיךְ פִירְן זִיךְ וְוִי שֵׁיינֶע אִידְן, זִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, גֵיין צוּ 'שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת', זִיךְ קוֹיפְן אִין גְרָאסֶערִי קַאוֶוע, פְּרִישְׁטָאג, סָאשִׁ"י, אִין דִי צַייט וָואס דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר אַנְדֶערֶע, וְוִי אַזוֹי הָאסְטוּ מְנוּחָה וֶוען דוּ קוּמְסְט גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן?!

## וואוּ צוּ גֵיין הֲפָצָה

אֵיי, וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ עֶס בַּאצָאלְן, אִיךְ בִּין דָאךְ שׁוֹין שׁוּלְדִיג 'הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער' פַאר מֶענְטְשְׁן? - מֶען קֶען אַלֶעס בַּאצָאלְן, נֶעם אַ פֶּעקְל סְפָרִים, גֵיי יֶעדֶע נַאכְט הֲפָצָה, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט אַהֵיימְקוּמֶען מִיט גֶעלְט. אֲפִילוּ דִי אִינְגֶעלַייט וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל הָאבְּן אוֹיךְ וואוּ צוּ גֵיין הֲפָצָה, יֶעדְן שַׁבָּת זֶענֶען דָא הוּנְדֶערְטֶער מִשְׁפָּחוֹת אָדֶער גָאר טוֹיזְנְטֶער מִשְׁפָּחוֹת וָואס קוּמֶען אַרוֹיס אוֹיף שַׁבָּת, דִי גַאנְצֶע מַאוּנְטֶענְס אִיז פוּל מִיט אִידְן, דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן וִוינְטֶער הַייזֶער, גֵיי אַרוּם צוּ זֵיי הֲפָצָה, זָאג: "**דָאס הָאסְטוּ אַ שֵׁיינֶע גִלָּיוֹן**", "**דָא הָאסְט אַ שֵׁיינֶע סֵפֶר**", אוּן בֶּעט צְדָקָה 'פַאר אַן אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחָה'.

## אַריינְלייגְן אין די ווייבּ'ס בּערְזְל

פּאַרְשְׁטייט זיךְ אַז אַבּיסל געלט דאַרף מען אַריינְלייגְן אין די ווייבּ'ס בּערְזְל, דאָס איז זייער וויכְטיג, די ווייב זאָל אַלץ האָבְּן אַפּאָר דאָלער אין טאַש; מוהר"ש בּרענגט אין אֵשֶׁר בַּנַּחַל וואָס די הייליגע חֲכָמִים זאָגְן (תְּמוּרָה טז): "**אִשָּׁה כֵּיוָן שֶׁאֵין לָהּ תְּבוּאָה בְּתוֹךְ בֵּיתָהּ מִיָּד צוֹעֶקֶת**", ווי נאָר עס לאָזְט זיךְ אויס דאָס עֶסְן אין שְׁטוּבּ, הויבּט די פְרוי גְלייךְ אָן צוּ שְׁרייעְן; אַלע טַעֲנוֹת הייבּט זיךְ אָן ווען עס איז נישט דאָ קיין עֶסְן אינדערהיים, ווען אַ פְרוי האָט נישט קיין געלט צו קויפְן עֶסְן, די פְרידְזשעדער איז ליידיג פון עסְן - דאַן הייבּט זי אָן וויינען, עס ווערט אויס שְׁטוּבּ און אויס לעבְן, דערפאַר געבּ איר געלט אֲפִילוּ זי דאַרף עס נישט אויף יעצט, זאָל עס ליגן בּיי איר אין קעשענע, אַ פופציגער, אַ הונדערְטער, כְּדֵי ווען זי וועט עפּעס דאַרפְן זאָל זי האָבְּן דאָס געלט.

## בּאַצאָלְן חובות צוּבּיסלעך

נאָכְדעם גיי אין גְראָסערי מיט די איבּריגע געלט בּאַצאָל דיינע חובות; אַוודאי קען מען נישט בּאַצאָלְן טויזְנְט דאָלער אויף איינְמאָל, אָבּער לייג אַריין אַ פינעוועֶר, צען דאָלער, יעצט בּיסְטוּ שוין נישט שולדיג "טויזְנט" דאָלער, יעצט בּיסְטוּ נאָר שולדיג "ניין הונדערט ניינְציג" דאָלער, אַזוי קען מען בּאַצאָלְן חובות צוּבּיסְלעך.

## אַפּאָר דאָלער

געלויבּט דעם אייבּערשְׁטְן אַז איך האָבּ נאָך קיינמאָל נישט געבּאָרגט קיין געלט פון מענטשן פאַר מיר פּריוואַט, דער אייבּערשטער זאָל העלפְן ווייטער, אָבּער פאַר די יְשִׁיבָה בּאָרג איך געלט צו קענען בּויען מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה וכו', ווי אַזוי בּאַצאָל איך דאָס געלט? איך געבּ צוריק צוּבּיסְלעך, אַפּאָר דאָלער און נאָך אַפּאָר דאָלער בּיז איך בּאַצאָל די גאַנְצע חוב.

## טיקעטס קיין אומאַן קָרוֹב צו $12,000

די זעלבּע זאַך טו איך בּנוגע טיקעטס קיין אומאַן אויף ראש הַשָּׁנָה, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז איך פאָר קיין אומאַן מיט מיינע קינדער; היי יאָר וועט אַ טיקעט אָן אַ סְטאַפּ קאָסטְן $1800, קומט עס מיר אויס קָרוֹב צו $12,000! ווי אַזוי וועל איך האָבּ עֶרֶב ראש הַשָּׁנָה דעם ריזן סומע, דערפאַר געבּ איך צוּבּיסלעך, ווען איך האָבּ עפּעס געלט, אַ צענער, אַ צוואַנציגער, געבּ איך עס פאַר'ן טרעוועל אַגענט, איך האָבּ די וואָך בּאַקומען געלט - האָבּ איך עס גלייך געגעבּן אויפ'ן חֶשְׁבּוֹן פון די טיקעטס קיין אומאַן, אַזוי קומט מען אָן צו בּאַצאָלְן גרעסערע הוֹצָאוֹת.

## די קאָפּ קען אֲפִילוּ זיין ליידיג...

אָבּער ווי לאַנג דו האָסט נישט בּאַצאָלט דיינע חובות קענסטו נישט שְׁפּילְן עוֹשֶׁר, זיך קויפן קאַווע'ס אין גְראָסערי וְכַדּוֹמֶה; דאָ אין שְׁטעטל איז בּיז דערווייל נישט דאָ איינער וואָס פאַרקויפט קאַווע, אָבּער אין וויליאַמסבּורג איז דאָ אַ וועג ווי אַזוי מען שטעלט זיך אַהער אַלס עוֹשֶׁר, מען לייגט די שאַל אויף די פּלייצע און מען גייט אין גאַס מיט אַ קאַווע אין די האַנט, די קאַווע איז פאַרמאַכט מיט אַ דעקל, די קאָפּ קען אֲפִילוּ זיין ליידיג... דאָס איז אַ וועג פון בּיזְנעס... אָבּער אַז דו בּיסט שולדיג געלט פאַר מענטשן פאַרוואָס קויפסטו אַ קאַווע, דאָס קאָסט דאָך עטליכע דאָלער, גיי צו דיין בַּעַל חוב און בּאַצאָל אַבּיסל אויף אַמאָל.

## עַל מְנָת שֶׁתַּעֲלֶה לָרָקִיעַ

דאָס איז די וועג וואָס מיר האָבּן בּאַקומען פון הייליגן רבּי'ן, עס קוקט אויס ווי דיין צָרָה שטייט אין די לופט, עס איז נישט דאָ דערויף קיין עֵצָה, עס איז 'עַל מְנָת שֶׁתַּעֲלֶה לָרָקִיעַ', עס איז אוממעגליך, בּעט דעם אייבּערשטן וועסטו געהאָלפן ווערן.

## אַוועק וואַרְפְן מיין שֵׂכֶל הַמְּדַמֶּה

די זעלבּע זאַך איז מיט 'שְׁלוֹם בַּיִת', עס קוקט אויס ווי אַ הימל זאַך, אַ זאַך וואָס איז אין די לופט, אַ זאַך צו וואָס מען קען נישט צוקומען, אָבּער אַז מען פאָלגט דעם רבּי'ן, מען בּעט דעם אייבּערשטן: "**הייליגער בּאַשעפער העלף מיר איך זאָל שוין אַוועק וואַרְפְן מיין שֵׂכֶל הַמְּדַמֶּה, איך זאָל וויסן איך פאַרשטיי גאַרנישט אַליינס, איך פאַרשטיי נישט בּעסער ווי וואָס צַדִּיקִים זאָגן, אַז דער רבּי האָט געהייסן מען זאָל מְכַבֵּד זיין די ווייב - זאָל איך איר מְכַבֵּד זיין, אַז דער רבּי זאָגט 'טַעֲנָה נישט מיט איר' - זאָל איך זיך נישט טַעֲנָה'נען מיט איר, אַז דער רבּי הייסט געבּן גוטע ווערטער אין שְׁטוּבּ - זאָל איך געבּן גוטע ווערטער; העלף מיר איך זאָל גאַרנישט וועלן נאָר טון דיין ווילן**", - דאַן האָט מען אַ שיינע לעבּן מיט די ווייב און קינדער.

## לָאמִיר גיין אַבּיסל זיך אָפּבְּרָאטְן...

מוהר"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה האָט געזאָגט: "מיט אַ ווייב טַעֲנָה'ט מען נישט"; מוהר"ש האָט געגעבּן זייער אַן אינטערעסאַנטע מָשָׁל דערויף, אַז עס איז נאַכט און די פרוי זאָגט "יעצט איז טאָג" - זאָלסטו נישט טַעֲנָה'ען מיט איר, געבּ איר גערעכט, זאָג איר: "יאָ יאָ, יעצט איז טאָג, לאָמיר גיין אַבּיסל אונטער די זון זיך אָפּבְּרָאטְן וכו'", בּיז זי אַליינס וועט זאָגן: "איך האָבּ געמאַכט אַ טָעוּת, יעצט איז נאַכט, עס איז נישטאָ קיין זון", אָדער זי זאָגט בּייטאָג אַז יעצט איז נאַכט - זאָל מען נישט טַעֲנָה'ען מיט איר נאָר איר געבּן גערעכט: "יאָ יאָ, יעצט איז נאַכט, לאָמיר אַרויסגיין מְחַדֵּשׁ זיין די לְבָנָה", בּיז זי וועט אַליינס זאָגן: "עס איז נישטאָ קיין לְבָנָה, איז אַ סִימָן אַז עס איז נישט נאַכט".

## די ווייטְסְטע מָשָׁל

איך האָבּ אַלץ געטראַכט "פאַרוואָס האָט מוהר"ש געדאַרפט געבּן אַזאַ ווייטע מָשָׁל, ווי זאָגן פון טאָג - נאַכט און פון נאַכט - טאָג", נאָר מוהר"ש האָט אָנגעכאַפּט די ווייטסטע מָשָׁל, אֲפִילוּ ווען אירע ווערטער האָבּן אינגאַנצן נישט קיין פְּשַׁט - דאַרף טַעֲנָה נישט. דאָס לערנט אונז דער מענטש פון וואַלד, מיין נישט אַז שָׁלוֹם בַּיִת איז אַ זאַך וואָס הענגט אין די לופט, נאָר דו קענסט אָנקומען צו דעם.

## זיך צאַמגעקומען פאַר איין סִיבָּה

שַׁבַּת חֲנוּכָּה איז אַ צייט וואָס מען פלעגט זיך צאַמקומען בּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; מוהר"ש האָט אַלץ אָנגעזאָגט מען זאָל נישט אַוועקפאָרן אויף שַׁבַּת חֲנוּכָּה און איבּערלאָזן די ווייב און קינדער, האָבּ איך געטראַכט איך וועל קומען אין שְׁטעטל, וואו איך קען מיטבּרענגען מיינע קינדער. עס איז אַזאַ שיינע פּלאַץ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַ פּלאַץ וואָס דער גאַנצער עוֹלָם איז זיך צאַמגעקומען פאַר איין סִיבָּה, צו לעבּן אויף די וועג פון רבּי'ן, צו וועלן נאָכגיין דעם מענטש פון וואַלד, מען זאָל גיין רעדן צום אייבּערשטן, און לערנען שיעורים כְּסֵדֶר אין כָּל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה; יעדן טאָג קומען צו נאָך בַּחוּרִים צו מיר זאָגנדיג: "איך האָבּ נאָכאַמאָל מְסַיֵּים געווען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה", "איך האָבּ געענדיגט די מַסֶּכְתָּא", "איך האָבּ געענדיגט די מַסֶּכְתָּא".

דער אייבּערשטער זאָל העלפן מיר זאָלן נאָכגיין דעם מענטש פון וואַלד, מיר זאָלן פאָלגן דעם רבּי'ן, וועלן מיר זוֹכֶה זיין אַז דער רבּי וועט אונז אַריין בּרענגען אין זיין הויז, איבּער אַלע שלענג און עגדיסן, און אונז געבּן צו עסן און צו טרינקען, מיר זאָלן אָנקומען צו די העכסטע און שענסטע זאַכן אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט, אָמֵן.

דערנאָך האָט דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א געזונגען דעם ניגון: "**וּלְךָ עָשִׂיתָ שֵׁם גָּדוֹל וְקָדוֹשׁ בְּעוֹלָמֶךָ. וּלְעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל עָשִׂיתָ תְּשׁוּעָה גְדוֹלָה וּפֻרְקָן כְּהַיּוֹם הַזֶּה**".